**<u>אימעיל צו איינוואוינער</u>**

*סובדזשעקט ליניע:* אפדעיט אויף NYCHA'ס טראנספארמאציע פלאן

טייערע NYCHA איינוואוינער,

מיר זענען צופרידן צו מעלדן די ערשיינונג פון NYC האוזינג אויטאריטעט (NYC Housing Authority, NYCHA)'ס טראנספארמאציע פלאן (Transformation Plan). אנטוויקלט אלס טייל פון NYCHA'ס 2019 אפמאך מיט די U.S. דעפארטמענט פון האוזינג און אורבען דעוועלאפמענט (U. S. Department of Housing and Urban Development, HUD), טוט די טראנספארמאציע פלאן שילדערן פארשידענע וועגן ווי אזוי די אויטאריטעט וועט ווערן א שטארקערע ארגאניזאציע אייך בעסער צו דינען. דער פלאן איז ערשינען היינט מיט די שטיצע פון HUD און די U.S. אטוירני'ס אפיס פאר די דרום דיסטריקט פון ניו יארק, און מיר וועלן ווייטער זיך אנשליסן מיט זיי און דער פעדעראלער מאניטאר גייענדיג ווייטער צום איינפירונג פאזע.

דער פלאן איז געמאכט געווארן פון געדאנקען און פידבעק וואס מיר האבן באקומען דירעקט פון איינוואוינער און שטאב דורך ווירטואלע טאון האלס, אימעילס, סאשעל מידיע, טעלעפאן רופן, און אנדערע באטייליגונג סעסיעס דורכאויס 2019 און 2020. פאקטיש, איז דער טראנספארמאציע פלאן געווען דער ערשטער פלאן וואס NYCHA האט געמאכט אוועילעבל פאר פובליק באמערקונגען. מיר וועלן ווייטער באטייליגן פארטנערס אזוי ווי אייך איינצופירן אייער פידבעק אזוי ווי מיר פארווירקליכן דעם פלאן'ס סטראטעגיעס - די קומענדיגע שריט זענען צו אנטוויקלען דעם ערשטן טייל פון אן איינפירונג פלאן ביז סעפטעמבער 2021 און דער צווייטער טייל ביז יוני 2022. די איינפירונג פלענער וועלן דינען אלס וועגווייזער פאר NYCHA'ס ווידער-אנטוויקלונג צו ווערן א מער בייהילפיגע און ווירקזאמע ארגאניזאציע.

דער טראנספארמאציע פלאן איז טייל פון NYCHA'ס *בלופרינט פאר טויש* (*Blueprint for Change*), א בינטל געדאנקען צו פארשטארקן די אויטאריטעט און פארבעסערן אייער קוואליטעט פון לעבן, אריינגערעכנט דורך אויפטרייבן געלטער צו גענצליך איבערבויען 110,000 אפארטמענטס.

דער טראנספארמאציע פלאן זעט פאראויס מעגליכע ענדערונגען צו די ארגאניזאציע און פונקציאנירונג וואס וועלן פארבעסערן קאסטומער סערוויס און בייהילפיגקייט צו אומשטענדן ביי אונזערע דעוועלאפמענטס, פארזיכערן אז גרויסע פראיעקטן ווערן פארענדיגט באצייטנס, און מוטיגן פאראנטווארטליכקייט דורך פראפערטי מענעדזשמענט אויפפירונג מעסטונגען. אירע באמיאונגען וועלן אונז ערמעגליכן צו בעסער מענעדזש'ן אונזערע פראפערטיס און נוצן אונזער באגרעניצטע קאסע אויף א מער אפעקטיווע אופן, אלעס בשעת'ן פארבעסערן דעם קוואליטעט פון לעבן פאר אייך.

טייל פון די פונקציע פארבעסערונגען וואס האלטן שוין אינמיטן דורכגעפירט ווערן נעמען אריין א נייע נעיבערהוד מאדעל (Neighborhood Model) (וואס מאכט קלענערע פראפערטי מענעדזשמענט פארטפאליאס און ברענגט מער באשליסונג-קראפט און הילפסמיטלען צו דעוועלאפמענטס) און א פארגרינגערטע יערליכע איבערזיכט פראצעדור פאר איינוואוינער. דער פלאן נעמט אויך אריין געדאנקען פארן פארגרינגערן NYCHA'ס פארוואלטונג סטרוקטור, פארבעסערן די אלטערנאטיווע ארבעט סקעדזשול (Alternative Work Schedule) פראגראם, פארבעסערן פראדאקטיווע ארבעט דורך טעכנאלאגיע, פארבעסערן איינוואוינער צוזאמענארבעט און אויסברייטערן איינוואוינער עקאנאמישע געלעגנהייטן, און געבן קראפט פאר אונזערע ארבעטערס דורך לערנען און אנטוויקלונג.

ביטע באזוכט NYCHA's [וועבזייטל] צו ליינען די טראנספארמאציע פלאן און אנדערע בלופרינט מאטריאלן. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס אדער באמערקונגען, קענט איר זיך ווענדן צו [blueprint.comments@nycha.nyc.gov].

מיט אכט,

Greg Russ
פארזיצער און הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער

Vito Mustaciuolo
אלגעמיינער פארוואלטער